**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/20/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אנהויב פון 5 מיליאן דאלארדיגער בריק ערזעצונג פראיעקט העכער די טרו-וועי אין אָנאָנדאַגאַ קאונטי**

***Schepps Corners Road בריק ווערט ערזעצט מיט נייע זיכערערע סטרוקטור***

***פראיעקט ערווארטעט צו זיין פארטיג אין הערבסט פון 2024, טייל פון 450.9 מיליאן דאלאר אין אינפראסטרוקטורישע פראיעקטן אריבער די טרו-וועי אין 2024***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די אנהויב פון א 5 מיליאן דאלארדיגן בריק ערזעצונג פראיעקט אויף די ניו יארק סטעיט טרו-ווער אין אָנאָנדאַגאַ קאונטי. די Schepps Corners Road בריק, ביי מייל שילד 274.4, אין די טאון אָוו מענליוס וועט ערזעצט ווערן מיט א מאדערנע סטרוקטור מיט מערערע זיכערהייט פארבעסערונגען און א גרעסערע הייעך פאר די טראפיק אונטער די בריק.

"בריקן פון די סארט זענען קריטיש צו פארבינדן לאקאלע קאמיוניטיס, און איינוואוינער און ביזנעסער פארלאזן זיך אויף זיי צו באררייכערן די קוואליטעט פון לעבן און פארשטערקערן די עקאנאמיע", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ניו יארק סטעיט זעצט פאר צו זיך צו צוריק אויפבויען בעסער דורכן אינוועסטירן אין- און בויען א מער מאדערנע, פארלעסליכע אינפראסטרוקטור סיסטעם וואס איז פאסיג פאר די צוקונפט."

די געוועזענע בריק איז אן אריגינעלע חלק פון די טרו-ווער סיסטעם, און עס איז געבויט געווארן אין 1953. די בריק פירט אריבער Schepps Corners Road העכער די NYS טרו-ווער (I-90) און עס איז יעצט איינס פון די צענדליגע וואס זענען מער פון 60 יאר אלט אויף די טרו-ווער וואס דארפן ערזעצט ווערן. אומגעפער 2,600 וויהיקלס פארן אריבער העכער די בריק טעגליך.

**טרו-ווער אויטאריטעט צייטווייליגער עקזעקיוטיוו דירעקטאר, פרענק ג. האור, עסקווייער, האט געזאגט,** "די טרו-ווער טוט צוריק אינוועסטירן הונדערטע מיליאנען פון טאל דאלארן צו מאדערניזירן אכמעט 70-יאר-אלטע טרו-ווער סיסטעם. די ערזעצונג פון די Schepps Corners Road בריק איז איינס פון די צענדליגע פראיעקטן וואס קומען פאר דאס יאר צו מאדערניזירן אונזער טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור וואס וועלן ערלויבן די טרו-ווער צו בלייבן איינס פון די זיכערסטע און מערסטע פארלעסליכע 'סופער-הייוועיס' אין דאס לאנד."

**סטעיט סענאטאר דזשאן וו. מעניאן האט געזאגט,** "די 5 מיליאן דאלארדיגע Schepps Corners Road בריק ערזעצונג העכער די טרו-ווער איז א געוואלדיגע ביישפיל פון פארוואס דאס גיבן פריאריטעט פאר אינוועסטירונגען אין אינפראסטרוקטור איז אזוי וויכטיג. עס ווייזט ארויס אונזער איבערגעגעבנקייט צו זיכערהייט, ווירקזאמקייט און שטאנדהאפטיגקייט. איך בין דאנקבאר פאר די טרו-ווער אויטאריטעט און

פאר גאווערנער האקול פאר זייער פארפליכטונג צו האלטן שאסייען און בריקן אין צענטראל ניו יארק זיכער און גוט אויפגעהאלטן."

**אסעמבלי מיטגליד על סטירפ האט געזאגט,** "די גאווערנער'ס אינוועסטירונג פון 5 מיליאן דאלאר צו ערזעצן די איבער 70-יאר-אלטע Schepps Corners Road בריק אויף די I-90 אין די טאון אָוו מענליוס מיט א מאדערנע סטרוקטור איז גוטע נייעס פאר די 127'סטע דיסטריקט. מאדערניזירן אונזער אינפראסטרוקטור מאכט זיכער אז רייזנדע וועלן האבן א זיכערערע רייזע מיט ברייטערע שאָלדערס, נייע זיכערהייט צוימען און אזוי אויך א גרעסערע הייעך אונטער די בריק. איך בין באזונדערס דערפרייט מיט די השפעה וואס דער פראיעקט וועט האבן אויף די סביבה מיטן באשיצן און בענעפיטירן די דערנעבנדע זומפן וואס פארשטייטערן די שנעלקייט פון פארפלייצונגען אין אונזער געגנט."

**ווילעדזש אָוו מינאָוע מעיאר, וויליאם עף. בראזיל, האט געזאגט,** "אין נאמען פון די קאמיוניטי, וויל איך אויסדרוקן אונזער טיפסטע הכרת הטוב פאר אייער איבערגעגעבנקייט צו פארבעסערן אונזער אינפראסטרוקטור. די לעצטיגע צוטיילונג פון 5 מיליאן דאלאר פאר דעם בריק ערזעצונג פראיעקט זאגט עדות איבער אייער איבערגעגעבנקייט צו פארזיכערן די זיכערהייט און וואוילזיין פון אונזערע איינוואוינער. מיר זענען באמת דאנקבאר פאר אייער שטיצע, און מיר קוקן ארויס צו זעהן די פאזיטיווע השפעה וואס די אינוועסטירונג וועט האבן אויף אונזערע קאמיוניטי פאר פילע יארן אין די צוקונפט."

**מענליוס טאַון סופערווייזער, דזשאן דיר, האט געזאגט,** "די טאון אָוו מענליוס איז באגייסטערט מיט די ארבעט וואס גייט געטוהן ווערן אויף די Schepps Corners Road בריק. פארבעסערונגען צו לאקאלע אינפראסטרוקטור זענען קריטיש אזוי ווי מיר האנדלען מיט די ווירקונגען פון קלימאט טויש, און די פארבעסערונג וועט גיין א לאנגע וועג ביים העלפן די טאון אָוו מענליוס ביים זיך אפגעבן מיט אונזערע זומפן. די צוגעלייגטע בענעפיטן פון זיכערערע און גלאטערע רייזע אומשטענדן פאר איינוואוינער ווערן ווארעם באגרוסט."

די עקזיסטירנדע סטרוקטור וועט ערזעצט ווערן מיט א נייע בריק וואס קומט מיט א העכערע הייעך פאר קארן אונטער די בריק, פון 14 פיס און 5 אינטשעס ארויף צו 16 פיס און 11 אינטשעס, ברייטערע שאָלדערס, נייע זיכערהייט צוימערן און א פארבעסערטע איבערפלאך אויף וועלכע צו פארן. דער פראיעקט רעכנט אויך אריין ענווייראמענטאלע פארבעסערונגען מיטן באשיצן פון אפלויף וואסער און אפשווענקונג צו בענעפיטירן דערנעבנדע זומפן, ווי צום ביישפיל צולייגן שטיינערנע רינעס אויף יעדע ווינקל פון די נייע בריק וואס וועט פארשטייטערן די אפלויף וואסער און עס פילטרירן אוועק פון די שאסיי. א טעפעך וואס קאנטראלירט אפשווענקונג וועט אינסטאלירט ווערן אויף אלע זייטן, אוועקשטעלנדיג נייע גראזיגע לענדער וואס וועלן איינזאפן שטורעם וואסער און רעדוצירן אפלויף וואסער. אנגעהויבן פון מיטוואך, מערץ 20, וועט די Schepps Corners Road בריק זיין פארמאכט פאר אלע טראפיק פאר די דויערונג פון דעם פראיעקט. א 5.5-מייל-לאנגע אומוועג וועט אוועקגעשטעלט ווערן. דרייווערס זאלן נעמען Kirkville Road צו N. Manlius Road. דרייווערס וועלן זיך מעגליך אנשטויסן אין שטייטערע אדער אפגעשטעלטע טראפיק אויף די טרו-וועי דורכאויס קאנסטרוקציע. עלעקטראנישע שילדן וועלן ווארענען דרייווערס איבער די קאנסטרוקציע ארבעט און גיבן אומוועג אינפארמאציע.

Slate Hill Constructors פון וואָרנערס, NY איז די פראיעקט קאנטראקטאר נאכפאלגנדיג א פראצעדור צו אויסוועהלן די בעסטע פארשלאג. קאנסטרוקציע איז ערווארטעט צו זיין פארטיג אין הערבסט פון 2024. די ארבעט ווענדט זיך אויף די וועטער און די דאטומען קענען זיך טוישן.

דרייווערס ווערן דערמאנט אז אין ניו יארק סטעיט זענען קנסות געטאפלט פאַרן פאָרן שנעל אין אן ארבעט זאנע. אין איינקלאנג מיט דעם ארבעט זאנע זיכערהייט געזעץ (Work Zone Safety Act) פון

2005, קען דאס באשולדיגט ווערן צוויי אדער מער מאל מיט ספּיעדינג פארלעצונגען אין אן ארבעט זאנע פירן צו די סוספּענדירונג פון א מענטשן'ס דרייווער'ס לייסענס.

די אויטאמאטישע ארבעט זאנע שנעלקייט נאכפאלגונג ( Automated Work Zone Speed Monitoring) פראבע פראגראם איז אוועקגעשטעלט געווארן דורך א געזעץ וואס איז אונטערגעשריבן געווארן דורך גאווערנער קעטי האקול. דער זיכערהייט אינפארסירונג פראגראם האט זיך אנגעהויבן אין 2023 און וועט זיין אין קראפט אין פארשידענע קאנסטרוקציע זאנעס אויף די טרו-ווּעי. ארבעט זאנעס וואס האבן שנעלקייט אינפארסירונג וועלן האבן קלארע שילדן איבער דעם פאר די ארבעט זאנע. דרייווערס וועלכע פארלעצן די ספּיעד לימיט וואס שטייט אויף די שילדן אין די ארבעט זאנע וועלן באקומען א טיקעט. פארלעצונג טיקעטס וועלן ארויסגעשיקט ווערן צו די קאר'ס רעגיסטרירטער אייגנטומער דורך די פאסט. מער אינפארמאציע איבער דעם פראגראם קען געפונען ווערן דא.

כדי צו באקומען די לעצטע אינפארמאציע איבער רייזע אומשטענדן ווערן דרייווערס ערמוטיגט צו דאַונלאָודען די טרו-ווּעי אויטאריטעט'ס טעלעפאן עפּ וואס איז דא צו דאַונלאָודען אומזיסט אויף iPhone און Android דעווייסעס. די עפּ גיבט פאר דרייווערס דירעקטע צוטריט צו לעבעדיגע טראפיק און אנווייזונגען הילף בשעת'ן פארן.

רייזנדע קענען אויך באזוכן די טרו-ווּעי אויטאריטעט'ס לעבעדיגע רייזנדע מאפּע פאר לעבעדיגע טראפיק נייעסן, און זיי קענען זיך איינשרייבן פאר TRANSalerts פאר טראפיק אינפארמאציע.

אלעס צוזאמען וועלן 2.4 ביליאן דאלאר אינוועסטירט ווערן אין לויף פון די קומענדיגע פינף יאר אין דעם טרו-ווּעי'ס אינפראסטרוקטורישער פראגראם, א 500 מיליאן דאלארדיגע העכערונג אין פארגלייך צו די 2023 בודזשעט. די פארמערטע אינוועסטירונג וועט פירן צו ארבעט אויף אומגעפער האלב פון די טרו-ווּעי'ס איבער 2,800 מיילן פון לעינס און אזוי אויך פראיעקטן אויף אומגעפער 90 פון די טרו-ווּעי'ס 817 בריקן. בריק ארבעט וועט אריינרעכענען ערזעצונגען, איבערבויאונג, פארבונג, דזשוינט ערזעצונגען, פארבעסערונגען פון די הייעך אונטער די בריק, א.ד.ג.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן